בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ
אִידִּישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון קי"ט

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת ואתחנן
שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה', טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים, דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר.

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר דִי זְכִיָּה און כֹּחַ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק צוּ זַיין דִי טַייעֶרֶע מְחַנְּכִים.

### דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְלַמְּדִים

אוֹי אִיז דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן מְלַמְּדִים! אוֹי אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְלַמְּדִים! אוֹי אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִים צוּם הַארְצְן; עֶר גֵייט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי 'הִתְבּוֹדְדוּת', עֶר בֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער, און עֶר וַוארְט אָפּ דִי קִינְדֶער.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶער שְׂכַר פוּן אַ מְלַמֵּד. צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט קַיין 'פַּרְנָסָה', וֶוער עֶס דַארְף פַּרְנָסָה זָאל גֵיין זוּכְן פַּרְנָסָה, עֶס אִיז דָא גֶענוּג פַּרְנָסוֹת צוּ טְרֶעפְן, אַ מְלַמֵּד אִיז אַ זַאךְ פוּן הַארְץ, עֶס אִיז אַ יוּנִיק (הֶעלְדִישֶׁע) זַאךְ, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן צוּ דֶעם.

### וָואס וֶועט מֶען עֶנְטְפֶערְן נָאךְ דִי זִיבֶּעצִיג יָאר?

אִיךְ וִויל עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא"ש. אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן [עֶס מַאכְט זִיךְ נָאךְ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן], מוֹהֲרָא"ש הָאט עֶס גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ, און מוֹהֲרָא"ש רוּפְט מִיךְ אָן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאוֹן, מוֹהֲרָא"ש פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?"** אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, און מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מִיר: דִי פָאר יָאר וָואס מֶען לֶעבְּט גֵייט אַרִיבֶּער, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, מֶען וֶועט דִיר פְרֶעגְן: **"יוֹאֵל, וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן אוּנְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט?"** שְׁטֶעל זִיךְ פָאר דוּ וָואלְסְט גֶעאַרְבֶּעט אִין אַ קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט, [מוֹהֲרָא"ש הָאט אָנְגֶעכַאפְּט אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַזוֹי וִוי מַיין לֶעצְטֶע נָאמֶען], וָואלְסְטוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה"**, וֶועט מֶען דִיךְ פְרֶעגְן: וָואס?! זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה? דִי פָאר יָאר וָואס מֶען הָאט דִיךְ גֶעגֶעבְּן הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן סְחוֹרָה?! אָבֶּער יֶעצְט וֶועסְטוּ עֶנְטְפֶערְן: **"אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט בָּחוּרִים און קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא, און וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, און אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ זַיין הֵיילִיג"!**

### אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דִי אַרְבֶּעט שְׁוֶוערֶער און גְרִינְגֶער...

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע אַרְבֶּעט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ מְלַמֵּד מַאכְט מִיט אַ טָאג אִין חֵדֶר; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד פוּן זַיין זוּן אִיז הַיינְט אַרִיבֶּער מִיט זַיין זוּן, וִוי עֶר הָאט זִיךְ נָאכְאַמָאל אַיינְגֶעהַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן און נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים. און דָא אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אִיז עֶס נָאךְ שְׁוֶוערֶער, וַוייל אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער קֶען מֶען כָאטְשׁ גֶעבְּן אַ צִיפּ פַאר אַ קִינְד, אַז דֶער קִינְד זָאל גֶעבְּן אַ שְׁרֵיי **"אַה!"** און עֶר זָאל עֶס גֶעדֶענְקֶען אוֹיף אֵייבִּיג... - אָבֶּער אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' לָאזְט נִישְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶען זָאל שְׁלָאגְן און צִיפְּן, מֶען קֶען נָאר רֶעדְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דַאוֶוענְט בַּיי אוּנְז שַׁבָּת, עֶר שִׁיקְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין קְלֵיינֶער כִּתָּה ב' אִינְגְל קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר און זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט פוּן זַיין מְלַמֵּד דְרֵיי שְׁטְרָאפְן אִין אֵיין טָאג?"** אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אִין אַ בְּרִיוו, עֶטְץ וֶועטְס קֶענֶען לֵיינֶען דֶעם עֶנְטְפֶער אִין 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה'. [בַּיים אָפְּטֵיילוּנְג פוּן דִי בְּרִיוְון בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ דֶעם בְּרִיוו]

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' גְרִינְגֶער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל מִיר הָאבְּן דִי חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, און מִיר הָאבְּן דִי עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה'.

### דִי מוֹסָד מוּז זִיךְ פִירְן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט

אִין חַבַּ"ד אִיז דָא אַ נֶעץ פוּן יְשִׁיבוֹת מִיטְן נָאמֶען 'יְשִׁיבַת תּוֹמְכֵי תְּמִימִים', דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְלִיגְל פוּן חַבַּ"ד וָואס דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן אַרָאפְּנֶעמֶען זַיין נָאמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען 'בִּנְשִׂיאוּת...' פַארְוָואס? וַוייל אֵיין מָאל בַּיי אַ דִינֶער פַאר דִי יְשִׁיבָה הָאט מֶען דָארְט גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן 'הַתִּקְוָה' פוּן דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע מְדִינָה, הָאט דֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"בַּיי אַ דִינֶער פוּן מַיין יְשִׁיבָה זִינְגְט מֶען דֶעם נִיגוּן פוּן דִי צִיוֹנִיסְטִישֶׁע מְדִינָה? נֶעמְט אַרָאפּ מַיין נָאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה!"**

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאג אִיךְ עֶנְק: אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרָאפּ נֶעמֶען מַיין נָאמֶען פוּנֶעם טָאוְול, אָבֶּער כָּל זְמַן מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אוֹיף אוּנְזֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס און אוּנְזֶערֶע מֵיידְל שׁוּלֶעס אַ טָאוְול: **"בִּנְשִׂיאוּת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א"**, וֶועל אִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זִיךְ פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

### מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ

אַז מֶען לֵייגְט אַרוֹיף מַיין נָאמֶען אוֹיף דִי מוֹסָד, בֶּעט אִיךְ עֶנְק, מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן מִיט הַארְץ. נֶעמְט אַ בִּיכֶעלֶע, פַארְשְׁרַייבְּט זִיךְ דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע קִינְדֶער, און מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וִוי לַאנְג דִי יָאר אִיז - הָאט שׁוֹין דֶער קִינְד בַּאקוּמֶען פוּן מִיר אַ גוּט וָוארְט? אַ

שְׁמֵייכְל? אַ גוּט מָארְגְן? אָדֶער כָאטְשׁ עֶפֶּעס?!'

מִיט 'קִינְדֶער' קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֵיין אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם מִיט 'בָּחוּרִים'. אִיךְ שִׁיק אַמָאל אַוֶועק אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה וַוייל עֶר אִיז גֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט טוּן מִיט קִינְדֶער, וַוייל אַ קִינְד אִיז דָאךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג וֶוען עֶר קוּמְט שְׁפֶּעט, דָאס הָאט דָאךְ צוּטוּן מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

## אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דִי מִדָּה פוּן 'רַחְמָנוּת'

הַיינְט וִויל אִיךְ רֶעדְן אִיבֶּער דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין קִינְדֶער 'מִידוֹת טוֹבוֹת'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.), אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן דְרֵיי סִימָנִים: **"רַחְמָנִים, בַּיְישָׁנִין, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים"**; אֵיינֶע פוּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִידִישֶׁע נַאטוּר אִיז אַז עֶר הָאט 'רַחְמָנוּת' אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַ אִידִישׁ קִינְד קֶען נִישְׁט זֶען וִוי מֶען שְׁלָאגְט אָדֶער מֶען טְשֶׁעפֶּעט.

אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ אַמָאל גֶעזֶען וִוי מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ גוֹי וָואס הָאט גֶע'גַנֶבְ'עט אַן עֶפְּל, מֶען שְׁלָאגְט אִים צַאם, מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין אַ מִיסְט קַאסְטְן (גַארְבֶּעדְזְשׁ קֶען) אוּן מֶען טַאנְצְט אוֹיף אִים... אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעוֵויינְט פוּן רַחְמָנוּת פַארְוָואס מֶען שְׁלָאגְט אַ מֶענְטְשׁ?

אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ אַלְס קִינְד וֵויינֶען וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין קֶעמְפּ וִוי קִינְדֶער נֶעמֶען אַ שְׁפִּין (סְפֵּיידֶער) אוּן צִיעֶן אַרוֹיס זַיינֶע פִיסְלֶעךְ. אִיךְ פְלֶעג טְרַאכְטְן צוּ מִיר: 'וָואס טוּסְטוּ דָא? זִי הָאט דִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט? אַז עֶס שְׁטֶערְט דִיךְ קֶענְסְטוּ עֶס אַוֶועק שְׁטוּפְּן, אָבֶער פַארְוָואס פַּייניגְסְטֶע אִיר?!'

בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דִי מִדָּה פוּן רַחְמָנוּת, עֶס זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ אַז אַפָּאר קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן מַאכְן אַ וִוינְט אִין כִּתָּה צוּ בּוּלִיעֶן (פַּייניגְן) אֵיין קִינְד, וַוייל עֶר אִיז גְרָאבּ, אָדֶער וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי שַׁארְף וִוי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

אוֹיבּ אִיז דָא אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר וִויל נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אַ צְוֵוייטְן, עֶר וִויל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אָדֶער עֶר אִיז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן, זָאלְט עֶטְץ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא! מֶען דַארְף הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, מֶען דַארְף זִיךְ לִיבּ הָאבְּן; אַז אַ קִינְד בֶּעט דִיר עֶפֶּעס, זָאג אִים נִישְׁט: 'שְׁנָארֶער...' נָאר גֶעבּ אִים עֶס, אוּן אַז אַ קִינְד אִיז אִיבֶּערְוָואגִיג - טָאר מֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען"**.

## גוּט אוֹיפְזוּכְן וֶוער עֶס אִיז דֶער רוֹדֵף

וֶוען אַ קִינְד קוּמְט בִּיטֶערְלִיךְ וֵויינֶען אַז אֵיינֶער הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען שְׁרִיט פַאר מֶען הֶערְט רוּאִיג אוֹיס דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען זֶעט וֶוער אִיז בֶּאֱמֶת שׁוּלְדִיג.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ג, טו): **"וְהָאֱלֹקִים יְבַקֵּשׁ אֶת נִרְדָּף"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זוּכְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וֶועם מֶען רוֹדְפְ'ט, פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, פַארְוָואס שְׁטֵייט: 'יְבַקֵּשׁ' - מֶען זוּכְט אוֹיף, וָואס אִיז דָא צוּ זוּכְן? עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: וְהָאֱלֹקִים 'יִרְאֶה' אֶת נִרְדָּף - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דֶעם נִרְדָּף! זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען דַארְף דָאס אוֹיפְזוּכְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ טְרֶעפְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל מַאכְט דֶער רוֹדֵף אַ פָּנִים כְּאִילוּ עֶר אִיז אַ 'נִרְדָּף'...

עֶס אִיז דָא אַ קִינְד וָואס הָאט אַ שְׁוֶוערֶע נַאטוּר, אַז עֶר קֶען שְׁנֶעל וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁלָאגְן אוּן טְשֶׁעפֶּען, קוּמְט אַ קִינְד שְׁטִילֶערְהֵייט אוּן צִיט אִים אָן, עֶר רֶעגְט אִים סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף, נָאכְדֶעם קוּקְט אוֹיס וִוי דֶער קִינְד מִיטְן שְׁוֶוערְן נַאטוּר שְׁלָאגְט שׁוֹין וַוייטֶער... אוּן עֶר אִיז שׁוֹין וַוייטֶער אַ צָרָה לַייט... וֶוען בֶּאֱמֶת בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג, וַוייל דוּ הָאסְט אִים אָנְגֶעצוֹיגְן, דוּ בִּיסְט דֶער רוֹדֵף!

הֶערְט שׁוֹין אוֹיף נָאר לִיבּ צוּ הָאבְּן דִי צְוֵויי דְרֵיי קְיוּטֶע (בַּאחֵנְ'טֶע) קִינְדֶער, מֶעגְסְט שׁוֹין אוֹיךְ קוּקְן אוֹיף 'מַיינֶע קִינְדֶער' וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי קְיוּט... - אִיךְ זָאג עֶס מִיט אַ בֵּיישְׁפִּיל אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער וַוייל אִיךְ וִויל מֶען זָאל מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, אָבֶער אִיךְ רֶעד בִּכְלָלִיּוּת; עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער אוֹיבּ נָאר דִי צְוֵויי דְרֵיי קְיוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דִי 'גוּט מָארְגְן', אוּן זֵיי זֶענֶען דִי 'מְיֻחָסִים', אוּן זֵיי זֶענֶען אַלְץ גֶערֶעכְט בַּיי אַ קְרִיגֶערַיי.

## אוֹיפְהֵייבְּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מְוַתֵּר

הֵייבְּט אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מְוַתֵּר אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ נִישְׁט. אַז אַ קִינְד הָאט נָאכְגֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט מְוַתֵּר גֶעוֶוען, - מַאכְט פוּן אִים אַן עֵסֶק; טְרָאגְט אִים אוֹיף דִי אַקְסְלֶען מִיט אַ קְרוֹין, אַלֶע זָאלְן זֶען דֶער חָשׁוּבְ'עֶר אִינְגְל וָואס הָאט מְוַתֵּר גֶעוֶוען.

## אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער

דִי וָואךְ אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ אִיד, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מַעֲשֶׂה. דֶער אִיד דֶערְצֵיילְט מִיר אַזוֹי: אַלְס קִינְד הָאט עֶר גֶערֶעדְט זֵייעֶר נִישְׁט קְלָאר, דִי קִינְדֶער פוּן זַיין כִּתָּה הָאבְּן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט וֶועגְן דֶעם; מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעטְרִינְקֶען זַיין בְּלוּט, זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים גֶענוּמֶען צוּ 'סְפִּיטְשׁ טֶערָאפִּי', מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן קְלָאר, אָבֶער זַיין רֶעדְן הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט פַארְבֶּעסֶערְט, דִי 'מוּמְחִים' הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן: **"דַיין זוּן וֵוייסְט שׁוֹין פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, נָאר עֶר וִויל זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן"**... אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת, עֶר הָאט טַאקֶע פִּינְקְטְלִיךְ גֶעווּאוּסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן צוּ קֶענֶען רֶעדְן גֶעהֶערִיג, נָאר וִויבַּאלְד מֶען הָאט אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט וֶועגְן זַיין רֶעדְן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אָנְצוּהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ צוּ קֶענֶען רֶעדְן גֶעהֶערִיג.

וֶוען עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן הָאט עֶר חַתוּנָה גֶעהַאט אִין אַ צְוֵוייטֶע מְדִינָה, דָארְט הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט דָא, וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן צוּ רֶעדְן גוּט, אוּן הַיינְט רֶעדְט עֶר שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעהֶערִיג.

לֶעצְטְנְס טְרֶעפְט אִים אַ אִינְגֶערְמַאן, אַ קִינְד פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין זַיין כִּתָּה, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט אִים אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער רֶעדְן זֵייעֶר נִישְׁט קְלָאר, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט אִים: **"מַיין טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי זַאךְ אַלְס קִינְד, וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ זִיךְ טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן דַיין שְׁוֶועריְקֵייט?"** דֶער אִיד זָאגְט מִיר: אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט אַיינְהַאלְטְן צוּ זָאגְן פַאר דֶעם אִינְגֶערְמַאן: **"וָואס?! דַיין טַאטֶע הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהַאט אַלְס קִינְד? דַיין טַאטֶע הָאט מִיר דָאךְ אוֹיסְגֶעצַאפְּט דָאס בְּלוּט, אוּן 'בְּנֵי בָנִים הֲרֵי הֵן כְּבָנִים', אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען וִוי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער** (עַיֵּין יְבָמוֹת סב:)**, דָאס אִיז זַיין שְׁטְרָאף אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ קֶענֶען נִישְׁט רֶעדְן גֶעהֶערִיג!"**

אִיךְ וִויל עֶטְץ זָאלְטְס דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זֶען אַז אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער - בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ.

## מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן

לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַז אַ אִיד קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן אַ הַאנְט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן! דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:): **"הַמַּגְבִּיהַּ יָדוֹ עַל חֲבֵירוֹ אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הִכָּהוּ נִקְרָא רָשָׁע!"** - וֶוער עֶס הֵייבְּט אוֹיף זַיין הַאנְט אוֹיף אַ חַבֶר, אֲפִילוּ עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן, וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ 'רָשָׁע'.

זָאגְטְס פַאר דִי קִינְדֶער דִי הֲלָכָה אַז דָאס ווָארְט 'רָשָׁע' אִיז אַ וָוארְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי זָאגְן אוֹיף אַ אִיד, אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט דָאס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיז 'יוֹרֵד עִמּוֹ לְחַיָּיו' (קִידוּשִׁין כח.), מֶען מֶעג אִים צוּנֶעמֶען זַיין פַּרְנָסָה. אוּן מְלַמְּדִים דַארְפְן וִויסְן, וֶוען מֶען הֶערְט קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן: **"רָשָׁע"**, **"רָשָׁע"**, דַארְף מֶען זֵיי זָאגְן אַז דֶער וָוארְט טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיס זָאגְן פוּן

מויל!

פון דעסט וועגן זאגן די הייליגע חֲכָמִים אַז אַ מענטש וואס הייבט אויף זיין האנט אויף אַ צווייטן, אפילו ער האט אים נישט געשלאגן, מעג מען אים יא אנרופן **"רָשָׁע"**, ווי מען זעט אין פסוק ביי משה רבינו (שמות ב, יג): **"וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ"**, משה רבינו האט אנגערופן דתן מיט דעםווארט 'רָשָׁע', ווייבאלד ער האט אויפגעהויבן זיין האנט אויף אַ צווייטן, אפילו ער האט נאכנישט געשלאגן.

## נישט אלעס קען מען זאגן פאר קינדער

איך וויל דא אויפמערקזאם מאכן א זאך; איך האב אמאל נאכגעזאגט א ווארט בשם מוהר"א"ש אויף א געוויסע פאל וואס איינער טוט, אז מען דארף יענעם 'שפאלטן דעם קאפ', יעצט רופן מיר עלטערן און דערציילן אז זייערע קינדער קומען אהיים פון חדר צעשלאגן, ווייל עס איז געווארן א רייץ אין חדר ווער עס געבט נאר א הייב אויף די האנט אויף אן אנדערן, מעג מען יענעם צוריק געבן וכו'. זאלט עטץ וויסן אז נישט יעדעס ווארט וואס איך זאג פאר אינגעלייט און פאר עלטערע בחורים, קען מען זאגן פאר קינדער.

מוהר"א"ש האט עס טאקע געזאגט, אבער מען דארף וויסן ביי וועלכע פאל מוהר"א"ש האט עס געמיינט, און עס איז זיכער אז מען טאר דאס נישט זאגן פאר קינדער.

איך וואונדער זיך זייער: וואס איז מיט דיר? דאס זאגסטו פאר קינדער? דו האסט נישט וואס צו רעדן צו קינדער?! דו פארשטייסט אויך אז נישט אלעס וואס מוהר"א"ש האט געזאגט - קען מען איבער זאגן פאר די קינדער, קיינער וויל נישט איך זאל זאגן פאר די קינדער וואס מוהר"א"ש האט געזאגט: **"אַ מְלַמֵּד וואס קומט שפעט זאל גיין זוכן אַ צווייטע אַרבעט"**, ווייל באלד ווערסטו אויס מלמד...

רוב מלמדים האבן דאך גארנישט געהערט פון מוהר"א"ש אליין, אלע שיינע זאכן וואס עטץ ווייסטס פון מוהר"א"ש - האבן ענק דאך נאר געהערט פונעם 'ראש ישיבה' בשם מוהר"א"ש, זאלט עטץ דאס אויך אננעמען פון דער ראש ישיבה. [ביים אפטיילונג פון די בריוון ברענגען מיר אראפ א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן איבער דעם ענין].

## אונזער מוסד זאל נישט ארויס געבן קיין 'סעקיוריטי גארד'ס'

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך זייער געבעטן פון טיפן הארצן: איך בעט ענק מיינע טייערע מלמדים, האטס רחמנות! איך בעט ענק פון הארץ ארויס, שטייטס אויף דער וואך, לייגט אריין אין די קינדער מידות טובות, עס זאל נישט ארויס קומען פון אונזער חדר מענטשן וואס קענען שלאגן, אז מען וועט דארפן האבן 'סעקיוריטי גארד'ס' (שומרים), 'באקסערס' און מענטשן וואס קענען שלאגן אנדערע, זאל מען דארפן גיין זוכן אין אנדערע מוסדות... מיר זאלן נישט האבן די זאכן, מיר זאלן אפילו נישט וויסן ווי אזוי מען טוט דאס.

## דער מלמד זאל זאגן: א איד שלאגט נישט!

אז א קינד קומט יעדן טאג אהיים זאגן: **"מען טשעפעט מיך"**, זאל מיר דער טאטע פונעם קינד פרעגן וואס צו זאגן פארן קינד, אבער 'דער מלמד' מוז אנזאגן די קינדער: **"עס איז נישטא אזא זאך שלאגן! א איד שלאגט נישט! ווער עס שלאגט וועט באקומען א קנס, ער וועט נישט קענען זיין אין כתה ווען מען דערציילט די מעשיות פון צדיקים!"**

## פאן פייט'ס איז 'סם המות'

באזונדער זאלט עטץ אויסלערנען די קינדער זיי זאלן נישט מאכן קיין 'פאן פייטס'; מען נעמט א קינד אדער א בחור, מען לייגט אים אראפ אויף דער ערד און מעןווארפט זיך ארויף אויף אים און מען צעדריקט אים, ליידער קען מען דאס זען אין ישיבות ווי איין בחור ליגט אויף אן אנדערער בחור, זיי מאכן א פאן פייט, רחמנא ליצלן. דאס איז 'סם המות' פאר קדושה, דאס טאר מען נישט טון!

## רעדן צו די קינדער פון 'שמירת הברית'

אז איך בין שוין אריין אין א שמועס צו רעדן פון דעם, וועל איך שוין רעדן פון 'שמירת הברית'.

טייערע מלמדים, זאגט פאר די קינדער אז מען טאר נישט לייגן די הענט אויף דעם אות ברית קודש, ווייל דער אייבערשטער לאזט נישט!

יעדעס מאל וואס א מלמד שרייבט מיר אין א בריוו: **"היינט האב איך געטראפן א אינגל זיך באהאלטן מיט אן אנדערער קינד טון נישט איידעלע זאכן"**, זאג איך פארן מלמד אז ביי זיי איז עס נאכנישט קיין עבירה, מען רעדט דאך פון נורסערי אדער כתה א' קינדער, פאר זיי דארף מען עס נאך פשוט אויסלערנען, אבער דער אייבערשטער פירט פינקט צו אז מען כאפט פון צייט צו צייט ווי איין קינד באהאלט זיך מיט א צווייטן וכו', צו דערמאנען דעם מלמד נאכאמאל צו רעדן דערפון.

עס איז דאך שווער פאר א מלמד צו רעדן פון 'קדושה', מען האט נישט קיין כח צו רעדן פון דעם, ווייל ווען מען רעדט פון 'קדושה' דארף מען האלטן קאפ און פארדעם פרעגן ווי אזוי צו רעדן, עס איז גרינגער צו רעדן פון זאכן וואס מען דארף נישט האלטן קאפ אויף יעדעס ווארט וואס מען זאגט ארויס, אבער אז דער מלמד באמערקט אזא מעשה, דערמאנט דאס דעם מלמד ער זאל יא נאכאמאל רעדן פון דעם.

אז מען רעדט צו קינדער פון 'שמירת הברית' - געבט מען זיי לעבן! ווייל אלע צרות וואס א מענטש מאכט מיט אין זיין לעבן, פון ארעמקייט און אנדערע יסורים, אלעס קומט פון די עבירה! קענסט איינשפארן אלע צרות פון די קינדער, קענסט זיי געבן לעבן.

אז מען רעדט צו קינדער פון 'שמירת הברית', וועלן די קינדער אויפוואקסן הייליג און ריין, זיי וועלן בכלל נישט וויסן וואס דאס מיינט 'פגם הברית'. ברוך השם מיר האבן תלמידים וואס האבן געלערנט ביי אונז אין חדר, וואס גייען צו די חתונה זויבער, זיי ווייסן נישט וואס דאס איז 'פגם הברית', פשוט כמשמעו! און דאס איז נישט נאר איין קינד, א 'יחיד בדור', נאר ברוך השם אסאך קינדער! אוודאי איז דא אויף דעם ליצנות וכו', מענטשן קענען דאס נישט גלייבן, אבער דאס איז דער מציאות!

## ביי הפסקה איז אויך דיין צייט צו זיין מיט די קינדער

נאך איין זאך וויל איך בעטן פון די מלמדים, עס זענען דא מלמדים וואס טראכטן אז ביי הפסקה אדער ביי לאנטש איז נישט זייער צייט צו זיין מיט די קינדער, און גלייך ווען עס ווערט הפסקה אדער לאנטש, וואקן זיי ארויס פון כתה; איך האב פאר ענק גרויס נייעס ביי 'הפסקה און ביי מיטאג' איז יא ענקער צייט צו זיין מיט די קינדער!

מען קען נישט אוועק גיין ביי מיטאג פון חדר און זיך אריין זעצן אין א קיאסק מיט א קאמפיוטער. מיטאג צייט איז געמאכט זיך אביסל אפצורוען און קומען צו זיך, אבער דו מעגסט זיך אויך דרייען צווישן די קינדער און מיטהאלטן וואס עס טוט זיך ביי זיי.

בכלל זאל מען וויסן, אויב דו האסט צו שטארק ליב דעם 'קאמפיוטער', די קאמפיוטער איז דיין פעיווערד (באליבטע) זאך, די רגע וואס דו ענדיגסט מיט די קינדער - לויפסטו אוועק צו די קאמפיוטער, זאלסטו מיר טון א טובה און אפלאזן דאס מלומדות.

## איך וויל האבן א חלק אין ענקער הייליגע ארבעט

איך פרוביר און איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל קענען האבן א חלק אין ענקער הייליגע ארבעט, און איך האף אז מיט דעם וואס איך בין ענק מחזק איין מאל א וואך, האב איך א שטיקל חלק אין ענקער הייליגע ארבעט.

דער אייבערשטער זאל העלפן, עטץ זאלטס האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

## וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין אִינְגְל אִיז צוּפִיל בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אִין חֵדֶר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין כִּתָּה ב׳ אִינְגְל קוּמְט אַהֵיים אוּן דֶערְצֵיילְט אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים בַּאשְׁטְרָאפְט דְרֵיי מָאל אִינֶעם זֶעלְבְּן טָאג, אוּן אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ צִיפּ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ט׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע קֶשֶׁר מִיט דִי מְלַמְּדִים פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי צוּגַאנְג וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּם תַּלְמִיד וֶוען עֶר קֶען דִי עֶלְטֶערְן.

גֵיי אַרִיבֶּער צוּם מְלַמֵּד אוּן גֶעבּ אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִים וִוי צוּפְרִידְן דוּ בִּיסְט אוּן וִוי דַיין קִינְד בְּלִיעֶט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְרֶעגְן צִי עֶר אִיז צוּפְרִידְן אוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג. אַזוֹי צוּבִּיסְלִיךְ זָאלְסְטוּ אִים פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס פֶעלְט אוֹיס צִיפְּן; זָאג אִים מִיט שֵׁיינֶעם אַז אוֹיבּ עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיטְן קִינְד זָאל עֶר דִיךְ רוּפְן אוּן דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם קִינְד.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁוֶוער מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן, אוּן דֶער עִיקָר שְׁוֶועריקֵייט אִיז - אַז מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב אוּן מֶען אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נִישְׁט. דֶער מְלַמֵּד זִיצְט מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה קִינְדֶער, דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי אִים אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן דִי גְלֵייזְן, בִּיז עֶר פַארְלִירְט זִיךְ; וָואלְטְן דִי עֶלְטֶערְן גֶעהַאט הַכָּרַת הַטּוֹב, גֶעקוּמֶען זָאגְן שְׁכֹּחַ, גֶעקוּמֶען זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן - וָואלְט דֶער מְלַמֵּד גֶעאַרְבֶּעט גְרִינְגֶער.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן אַרְבֶּעטְן מִיטְן מְלַמֵּד; וֶועלְן זֵיי זֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב - חֲנוּכָּה תשפ״ד)

## לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ח׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בַּתַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן גֵייעֶן אַרִיבֶּער מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר צוּפְרִידְן, עֶס קוּמְט צוּרִיק נָאר גוּטֶע גְרִיסְן.

אִיךְ וִויל בַּאמֶערְקְן אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, סַיי פַאר דִיר אוּן סַיי פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; נִישְׁט אַלֶעס וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט - אִיז גוּט צוּ זָאגְן פַאר קִינְדֶער. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט דִיךְ - הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ וְכוּ׳, אָבֶער פַאר קִינְדֶער אִיז דָאס נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זָאגְן, וַוייל עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג וָואס אַלֶע וֶועלְן חַס וְשָׁלוֹם לִיגְן מִיט גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע קֶעפּ, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף שְׁפַּאלְטְן דֶעם קָאפּ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן צוּרִיק צִיעֶן פוּן דֶעם, זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אַ אִיד שְׁלָאגְט נִישְׁט, בַּיי דִי אוּמּוֹת אִיז דָא דִי זַאךְ פוּן שְׁלָאגְן, אוּן עֶס טָאר נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ אַ קִינְד זָאל נִיצְן הֶענְט צוּ שְׁלָאגְן.

מְלַמְּדִים דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט רוֹדְפְ׳ן קִינְדֶער, מְלַמְּדִים דַארְפְן מִיטְהַאלְטְן אוּן גוּט נִישְׁטֶערְן אוּן דֶערְגֵיין - וֶוער עֶס אִיז דֶער רוֹדֵף אוּן וֶוער עֶס אִיז דֶער נִרְדָּף, אוּן שְׁטֵיין אוֹיף דִי וַואךְ מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

נִישְׁטָא קַיין שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ בַּאצָאלְן מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס דִי קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת וְיִרְאַת שָׁמַיִם

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח תשפ״ד)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט״א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -



קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876